בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**בהעלותך**
**י"ח סיון תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:10 |
| מוצש"ק | 8:29 |
| ר"ת | 9:03 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:15 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קל"ח
שנה ג'

## טיב הפרשה

# הכרת הטוב פאר הקב"ה איז ממשיך שפע אויף די וועלט

### בלתי אל המן עינינו

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר איבער די חטא פון די מתאוננים, אז זיי האבן זיך באקלאגט פאר הקב"ה אז זיי האבן נישט וואס צו עסן, און דערביי האבן זיי דערמאנט אז זיי בענקען זיך צו די קנאבל און צו די צוויבל פון מצרים.

אין די סדרה ווערט אויך דערמאנט אז זיי האבן געזאגט 'מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר' - ווער וועט זיי געבן צו עסן פלייש.

רש"י אויפ'ן ארט פרעגט שוין אז לכאורה האבן זיי געהאט פלייש, זיי האבן געהאט בהמות אין מדבר, ווי מען זעט מערערע מאל אין די תורה אז עס שטייט [שמות יב. לח] וגם ערב עלה אתם וצאן ובקר, נאר רש"י פירט אויס אז ווען מען זוכט אן עלילה טרעפט מען פון אונטער די ערד ווי אזוי מען קען מעליל זיין.

אז מען איז זיך מתבונן אין די גאנצע פרשה פון די מתאוננים זעט מען דא א מורא'דיגע זאך, מען זעט אז די תוה"ק וויל אונז אויסלערנען די נאטור פון א מענטש ווי ווייט עס קען גיין די 'כפיות טובה' פון א מענטש, אויב מען ארבעט נישט אויס די מידות און מען איידעלט זיך אויס.

ווען מען לערנט איבער די טענות וואס די מתאוננים האבן געהאט, נאך דעם וואס די תוה"ק דערציילט אונז איבער די עבודת פרך פון די אידן אין מצרים און אויך פון די מן, אז די מן האט געהאט אלע טעמים און מיט דעם אלעם האבן די מתאוננים זיך באקלאגט און גערעדט מיט בענקעניש איבער די מצרי'שע צוויבל, לערנט מען זיך אפ פון דעם ווי ווייט א מענטש קען אנקומען, אויב מען ארבעט זיך נישט אויס.

די תכונה טרעפט זיך ביי אסאך מענטשן און אויך ביי אידן וועלכע פארגעסן זיך און אנשטאט צו לויבן און צו דאנקען אויף די חסדים וואס מען האט, וועט מען זיך מתמרמר זיין און זיך באקלאגן.

ווי געזאגט נעמט זיך דאס ווייל

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### בְּהַעֲלֹתְךָ... יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת

מיר זענען גאנץ לעצטנס ארויסגעגאנגען פונעם הייליגן יום טוב שבועות. יעצט איז דער צייט זיך אפצושטעלן און נאכקוקן, צי דער יום טוב פון מתן תורה איז 'דורכגעגאנגען' ביי אונז, אדער עס האט 'קונה שביתה' געווען ביי אונז, דאס איז געגליכן צו איינער וועלכער איז אריבערגעגאנגען א שטורעמישע איבערלעבעניש, איז אויב עס איז געווען א געשמאקע זאך, וועט ער עס זען צו דערציילן נאכאמאל און ווידעראמאל פאר ווער עס איז נאר גרייט עס צו הערן, און דערביי וועט ער אראפלייגן ווי געשמאק און שטורעמיש עס איז געווען, און ביי זיך אין הארץ וועט ער זיך בענקען צו יענע געשמאקע מאמענטן, אויב עס איז אבער נישט געווען א געשמאקע איבערלעבעניש, וועט ער שטארק פראבירן צו פארגעסן דערפון און אפילו נישט טראכטן וועגן דעם, האפנדיג אז עס וועט ווי שנעלער פארשווואונדן ווערן פון זיינע געדאנקען.

דער אויבערשטער האט באפוילן אהרן הכהן "בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת", דארף מען לכאורה פארשטיין, וואס איז דער לשון פון "בהעלותך", ענדערש וואלט געדארפט שטיין "בהדלקתך"? נאר, דער אויבערשטער האט געזאגט צו אהרן הכהן – וויסן זאלסטו, אז יעדן מאל וואס דו צינדסט אן די מנורה, טוסטו "מעלה" זיין זיך זעלבסט און אויך אלע אידן אויף א העכערע מדריגה, און דאס איז דיין אויפגאבע, "להעלות", אויפצוהייבן אידישע קינדער פון איין מדריגה צו א העכערע מדריגה.

און כאטש וואס די רייד זענען געזאגט געווארן צו אהרן הכהן, ווייסן מיר אבער אז אלעס וואס שטייט אין די תורה געהער צו יעדן איד בפרטות – ווייל יעדע מצוה וואס מיר טוען, קען געטון ווערן 'סתם', אדער קען עס אונז "מעלה" זיין צו העכערע מדריגות. אזוי איז אויך מיט די הייליגע טעג וואס מיר פארמאגן, דאס זענען די הייליגע שבתות און ימים טובים, עס זענען דא אזעלכע וואס דער שבת אדער דער יו"ט 'גייט אריבער' נעבן זיי, און עס זענען דא אזעלכע וואס פון יעדן שבת און יעדן יו"ט זענען זיי זוכה צו א התעלות, און ווען מען זעט זיי נאכן יו"ט איז קענטיג אויף זיי אז פָּנִים חֲדָשׁוֹת בָּאוּ לְכָאן, אזוי ווי מען דערציילט אויף איינער פון די צדיקים, אז ער פלעגט זאגן צו זיינע תלמידים אום מוצאי שבועות: מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו קבלת התורה, און יעצט דארף מען אכטונג געבן אז מען זאל נישט מאכן דעם עגל...

(עפ"י טיב השיחות – בהעלותך)

**טיב ההודעות**

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביטוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מען ארבעט נישט אויף די מידות, און אויך פון ווייניג התבוננות איבער וואס מען האט יא, און טראכטנדיג מער וואס מען האט נישט - ווי וואס מען האט יא.

אז דער מענטש זאל יא וויסן ווי ביטער די תכונה איז און ווי נידריג מען קען אנקומען און זיך היטן פון דעם, זאגט אונז די תוה"ק אן די נקודה דא, אז מען זאל עס וויסן און אריינעמען אין זיך.

מען דארף צו וויסן אז אויסער וואס אזא סארט התנהגות איז נישט אויסגעהאלטן און נישט באליבט ביי הקב"ה, קען עס אויך גורם זיין אז די שפע וואס הקב"ה שיקט אראפ צו דעם איד זאל ווערן אפגעהאקט, ווי איך האב אמאל געהערט פון א איד וואס האט געהערט פון הרה"צ רבי אליהו ראטה ז"ל דער שמש פון הרה"ק רבי שלמ'קע זוועהילער זי"ע, אז ער האט אמאל געהערט פון זיין רבי אז ווען א איד איז נישט צופרידן מיט זיין הנהגה און באקלאגט זיך אויף איר, קען די באקלאגעניש אויך צוברענגען אז אויך די חסדים מגולים וואס ער האט ביז היינט זאלן זיך אפטון פון אים.

דאגעגן ווען א איד איז יא מרוצה פון זיין מצב און לויבט הקב"ה אויף דעם און איז מכיר טובה אויף איר, איז דער איד ממשיך אויף אים שפע רב.

דער צדיק האט עס מסביר געווען מיט א משל צו א טאטע וואס האט געהאט צוויי קינדער. איין קינד איז פון נאטור אויס געווען א פרייליכע סארט, אייביג איז ער געווען לוסטיג און אויפגעלעבט און געשעצט וואס זיין טאטע געבט אים. דאגעגן דער צווייטער קינד איז געווען פונקט די פארקערטע, ער איז אייביג געווען זויער און אומצופרידן מיט וואס ער האט און פארמאגט.

עס איז פשוט אז דער טאטע האט געגליכענט צו געבן פאר'ן קינד וואס האט אים געשעצט מער און מער, און דאגעגן פאר דער אומצופרידענער קינד האט דער טאטע נישט געהאט קיין חשק צו געבן ווייל סיי ווי סיי האט ער נישט געשעצט וואס ער באקומט.

די זעלבע זאך איז אויך ביי די באציהונגען צווישן הקב"ה און דער איד, אויב דער איד שעצט די מתנות איז ער ממשיך מיט די מתנה מער און מער, דאגעגן אויב דער מענטש באקלאגט זיך, קען די שפע ווערן ווייניגער.

די בחינה זעט מען זייער שטארק אויף א מענטש וואס גייט אריבער שוועריגקייטן אין זיין לעבן.

דער מענטש וואס איז פון נאטור אויס אז צופרידענער מענטש, ער נעמט אן יעדע שוועריגקייט גרינג, קען גרינגער דורכשווערצן זאכן אבער דער שווארץ קוקער און דער באקלאגער נעמט שווערער אן א זאך און ווערט עס שווער דורכשווערצן.

עס קען זיין אז דאס איז אויך די סיבה פארוואס די תפילות ווערן נישט אייביג נתקבל, די סדר התפילה איז דאך געבויט אז עס הייבט זיך אן מיט הודאה, און עס גייט אריבער צו בקשה און שפעטער איז נאך אמאל דא א הודאה.

עס מאכט זיך אז א מענטש לייגט אריין לייב און לעבן אין די תפילה, אבער ער פארגעסט אז ווען עס קומט צו גיין דער חלק ההודאה דארף ער אויך אריינלייגן אין איר אסאך הארוואניע.

דער איד פארגעסט אז דער חלק ההודאה איז דער עיקר און פון איר איז מען ממשיך די ישועה, און ער לייגט נישט אריין אין איר קיין כח.

מען דארף געדענקען די נקודה און עס חזר'ן און אזוי ארום וועט מען קענען ממשיך זיין שפע רב פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## שדכנות געלט - אויפ'ן טאג

פון די זאכן אין וואס איך בין עוסק א לענגערע צייט דרייט זיך דער נושא פון 'עורך זיין ספרים' און זיי ברענגען צום דרוק.

איך בין נישט קיין עורך, איך בין נאר דער 'מוציא לאור', איך געב ספרים פאר עורכים און זיי זענען עורך דעם ספר פאר מיר, און איך געב עס איבער פאר דער קליענט וואס האט באשטעלט די ספרים.

איינמאל האט א איד באשטעלט ביי מיר א ספר. טראכטנדיג איבער א געוויסע עורך וואס קען זיין פאסיג פאר די ארבעט, האב איך עס איבערגעגעבן פאר איין געוויסער איד.

מיר האבן אפגעמאכט א פרייז, א צייט ווען די ספר דארף זיין פערטיג, אבער די צייט איז אנגעקומען און דער איד האט נישט געענדיגט די ארבעט.

עס האט זיך אנגעהויבן אן ערנסטע צעגעריי, יעדע מאל וואס איך האב געקלינגען דעם עורך און אים געפרעגט וואס טוט זיך מיט'ן ספר האט ער מיר געזאגט אז יא, ער גייט עס שוין ענדיגן, אבער למעשה האט זיך עס געשלעפט און געשלעפט, אז מען האט נישט געזען די ענדע.

אין א געוויסער טאג האב איך באגעגנט דער איד וואס האט באשטעלט די ארבעט, ער האט מיר פאַרגעהאלטן וואס גייט דא פאר, פארוואס נעמט עס אזוי לאנג.

זעענדיג אז עס נעמט נישט קיין עק, בין איך אריבער צו דעם עורך אין שטוב און אים אנגעהויבן צימבלען אז ער מוז מיר ענדיגן די ספר, איך האב אים צוגעדרוקט צום וואנט און ער האט געענדיגט די ספר.

נאכ'ן ענדיגן די ספר האב איך געזאגט פאר'ן עורך אז היות אז ער האט ארומגעשלעפט אזוי לאנג גייט ער נישט באקומען דאס געלט וואס ער בעט פאר דעם ספר.

עס האט נישט געשמעקט פאר'ן עורך, אבער וויסנדיג אז ער איז שולדיג, אז ער האט ארומגעשלעפט, האט ער אנגענומען די טענה און נישט געבעטן קיין געלט פאר איר.

איבערגעבנדיג פאר דער באשטעלער די ספר האט ער געוואלט וויסן וואס דאס קאסט, איך האב אים געזאגט אז איך האב געזאגט פאר'ן עורך אז כ'גיי אים נישט צאלן פאר דעם, ווייל ער האט ארומגעשלעפט אזוי לאנג.

"עס איז נישט דא אזא זאך, א איד וואס האט געארבעט פאר מיר מוז באקומען באצאלט".

אויפ'ן ארט האט ער ארויסגענומען א לייטישע סומע געלט און עס מיר געגעבן אז איך זאל עס איבערגעבן פאר'ן איד.

יענער טאג האב איך זיך געזעצט לערנען, איך האב אינזינען געהאט אז ווען כ'וועל ענדיגן לערנען וועל איך אנקלינגען דעם איד, אבער איך האב געשפירט ווי איך האב נישט קיין מנוחה, איך מוז יענעם קלינגען.

איך האב אנגעקלינגען דעם עורך און אים דערציילט אז איך האב פאר אים כך וכך געלט, דער איד איז געווען אויסערזיך פאר שמחה.

"לאמיר דיר דערציילן", זאגט ער מיר.

"איך האב ביי מיר אין שטוב אן אלטע טאכטער. איך האב זיך געמוטשעט מיט איר אויף שידוכים, עס איז נישט געגאנגען. נעכטן איז זי א כלה געווארן, איך האב צוגעזאגט פאר'ן שדכן א שיינע סומע געלט, דער שדכן האט געפאדערט דאס זייניגע, אבער איך האב אים נישט געהאט צו באצאלן די געלט, איך האב אים געזאגט אז איך וועל אים נאך היינט באצאלן דאס געלט".

פון וואו גיי איך עס נעמען? איך האב נישט געהאט קיין אנונג, אבער איך האב זיך מיישב געווען אז דער וואס האט געהאלפן אז זי זאל ווערן א כלה וועט אויך שיקן געלט.

"און דא קלינגסטו מיר אן און דו זאגסט מיר אז דו האסט די גענויע סומע וואס כ'דארף האבן צו געבן פאר'ן שדכן".

יעצט האב איך שוין פארשטאנען פארוואס איך האב נישט געקענט לערנען - ווייל פון הימל האט מען געוואלט אז איך זאל זאגן פאר דעם איד אז עס איז דא שדכנות געלט פאר אים.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מ.ט.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# דער ריכטיגער שידוך!

"וַתְּדַבֵּר מִרְיָם וְאַהֲרֹן בְּמֹשֶׁה, עַל אֹדוֹת הָאִשָּׁה הַכֻּשִׁית אֲשֶׁר לָקָח, כִּי אִשָּׁה כֻשִׁית לָקָח וגו'. וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד, מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה" יב א-ג

אין אט די פסוקים זענען דא אסאך פירושים און דיעות, זע אין די מפרשים. און דער חִזקוּני איז מפרש דער ענין פון "כֻשִׁית", אז דאס איז א לשון פון מיאוס, אז זי איז געווען מיאוס פונדערצייט פון די חתונה, און אהרן און מרים האבן גערעדט איבער די מיאוס'ע פרוי וואס ער האט גענומען פאר א ווייב.

אבער דער פסוק פירט אויס: "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד", און צוליב זיין געוואלדיגע ענוה האט ער נישט אכט געלייגט אויף איר שיינקייט, נאר אויף אירע גוטע מעשים. און דווקא דערפאר האט דער אויבערשטער גערעדט מיט אים און געמאכט רוען אויף אים די הייליגע שכינה, אזוי ווי צוליב זיין מדת הענוה האט ער איר אויסגעקליבן טראצדעם וואס זי איז געווען מיאוס (זע תולדות יצחק און נאך).

-> ♦ <-

די פאלגנדע מעשה נורא, איז פארגעקומען ביי דער שידוך פון הגה"צ מרא דארעא דישראל הרב יצחק יעקב ווייס זצ"ל, גאב"ד דירושלים קרתא דשופריא, בעל "מנחת יצחק". [לרגל דער יארצייט וואס איז געווען פאריגע וואך שב"ק, י"א סיון תשמ"ט].

אין יענע צייטן, איידער מען האט גענוצט טעלעפאנען, פאקסן און אלע ערליי קאמוניקאציע מיטלען וואס זענען פארשפרייט אין אונזערע צייטן – איז ווען מען האט געוואלט מציע זיין א שידוך פון מֵעֵבֶר לַיָּם, זענען נישט געווען אזויפיל מעגליכקייטן צו מברר זיין דער זאך געהעריג, און נאכקוקן יעדע הצעה צו וויסן צי עס איז פאסיג. נאר וואס דען, ווען דער שדכן איז געקומען צו גיין פון א ווייטע לאנד, און האט פאָרגעלייגט דער שידוך וואס האט אים אויסגעזען פאסיג און צומאל, נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, האט מען זיך געדארפט אביסל פארלאזן אויפן נֶאֱמָנוּת פונעם שדכן... דער שדכן האט אבער נישט אלעמאל אנטפלעקט דעם גאנצן אמת... אזוי ווי דער וועלט זאגט, אז "שדכן" איז ראשי תיבות: ש'קר ד'ובר כ'סף נ'וטל"...

ווען הרב ווייס זצ"ל איז אנגעקומען צום פרק "האיש מקדש", און זיין גוטער נאמען איז פאָראויסגעגאַנגען פאר אים, איז געקומען א שדכן פון גראסווארדיין, צו פאָרלייגן א שידוך פאר אים. לויט ווי דער שכן האט עס פאָרגעשטעלט, האט אויסגעזען אז דאס איז זייער א גוטער און פאסיגער שידוך, זייענדיג פון א חשוב'ע משפחה פון רבנים און דיינים. דער טאטע פון די מְדַבֶּרֶת איז געווען איינער פון די חשוב'ע רבנים פון ווערדיין. נאכן מברר זיין אביסל, לויט וויפיל דאס איז געווען מעגליך, האבן זיי באשלאסן צו ענדיגן דעם שידוך אין א מזל'דיגע שעה. מען האט געמאלדן דעם צווייטן זייט אז מען איז מסכים, און מען האט באשטימט א געוויסן דאטום, ווען דער חתן וועט קומען מיט זיין משפחה צום וואוינארט פון די כלה, אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט אין יענע צייטן, און דארט וועט מען אויספירן דעם שידוך בשעה טובה ומוצלחת ולמזל טוב.

דער בחור יצחק יעקב ווייס האט זיך טאקע ארויסגעלאזט מיט זיינע עלטערן און די בני המשפחה אויפן ווייטן וועג, און נאך עטליכע טעג אויף די וועגן זענען זיי אנגעקומען אין א מזל'דיגע שעה צו די שטאט וואו די מיידל האט געוואוינט. נאכן זיך איינארדענען אין די אכסניא און זיך אויסרוען פונעם וועג, האט מען זיך גענומען צו די באגעגענישן איידער מען פירט אויס דעם שידוך ענדגילטיג. דער טאטע פון די כלה וועלכער איז געווען א חשוב'ער רב און א גדול בתורה, האט זיך באגעגנט מיטן בחור וועלכער האט שטארק אויסגענומען ביי אים, זייענדיג א גרויסער עילוי און גאון, ווי אויך א וואונדערליכער בעל מידות.

דערנאך איז געקומען דער צייט אז די מאמע פון דער בחור זאל זיך טרעפן מיט די מיידל. אבער דא האט זיי געווארט אן ענטוישונג. ווען די רעבעצן ווייס האט זיך צוריקגעקערט פונעם באגעגעניש, איז זי געווען זייער צושטורעמט און צוקאכט, וויבאלד צו איר גרויס שטוינונג האט זי באמערקט אז די מיידל האט א 'הויקער' אויף איר רוקן! און זי גייט אביסל איינגעבויגן! זי איז געווען זייער ברוגז אויפן שדכן, פארשטייט זיך, וועלכער האט פארהוילן פון זיי אזא וויכטיגע ידיעה, נישט דערמאנענדיג אפילו א ווארט אדער א האלבע ווארט איבערדעם. זי האט תיכף ומיד געלאזט וויסן אז דאס איז עס, מען פאקט זיך שוין צוזאם און מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג אהיים, דער שידוך איז אויס, און עס איז נישטא מער פון וואס צו רעדן.

אבער דא האט זיי געווארט א קליין איבערראשונג. דער בחור זעלבסט האט נישט אזוי שנעל מסכים געווען אז מען זאל צושטערן דעם שידוך, טענה'נדיג אז ער קען נישט מבייש זיין א אידישע טאכטער און איר אזוי לייגן צו שאנד ברבים. וויבאלד דער זאך איז שוין נתפרסם געווארן איבער די גאנצע שטאט, אז אט־אט גייט זיך שוין דער שידוך ענדיגן במזל טוב, און יעדער האט געוואוסט פארוואס די חשוב'ע ווייס משפחה זענען אנגעקומען אין שטאט. דער בחור האט הייס גע'טענה'ט, אז אויב וועלן זיי פשוט צוריק אהיימגיין, וועט דאך יעדער וויסן פונקטליך די סיבה פארוואס מען האט אפגעלאזט דעם שידוך, און עס וועט ארויסקומען דערפון געפערליכע בזיונות פאר די מיידל, און ווער ווייסט צי זי וועט קענען טרעפן אן אנדער שידוך, און ווי גרויס וועט זיין איר צער... דער בחור האט זיך נישט באַרואיגט פון אלע ערקלערונגען פון זיין מאמע, אז פאר אזא גוטע בחור אזוי ווי ער, וועט נישט פעלן ווער עס זאל אים וועלן נעמען פאר א חתן... ער איז געבליבן פאר'עקש'נט און געזאגט אז דאס איז נאר אן אויסערליכע פראבלעם פון די מיידל, און דער עיקר איז דאך דער אינעווייניגסטער 'קרן', און אויב האט מען זיי צוגעשיקט מן השמים צו דעם שידוך, איז דאך מה' יצא הדבר!

סופו של דבר איז געווען, אז נאכן זיך אזויפיל בעטן, האט די מאמע צוגעשטימט צו די ווערטער פון איר זון דער צדיק, אז מען דארף נישט נתפעל ווערן פון די דרויסנדיגע אויסזען, אזוי ווי אונזערע הייליגע חכמינו ז"ל האבן אונז געלערנט אין פרקי אבות (פרק ד' משנה כ'): "אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו", און די מיידל האט געפינען חן אין זייערע אויגן, וויבאלד זי איז געווען א קלוג מיידל און פול מיט יראת השם טהורה וכו', און האבן מסכים געווען צום באשלוס פונעם בחור, אז טראץ די גרויסע פראבלעם פונעם הויקער וויל ער ענדיגן דעם שידוך כדי איר נישט צו פארשעמען.

דער שידוך איז צושטאנד־געקומען אין א מזל'דיגע שעה, און דער פאר־פאלק האבן חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת, און עס איז זיי געבוירן אן איינציג זון.

עטליכע יאר נאך זייער חתונה, האט אויסגעבראכן די שרעקליכע צווייטע וועלט מלחמה, און זיי זענען בניסי ניסים געראטעוועט געווארן פון די שרעקליכע מלחמה, אויף אן אופן וואס עס איז ממש לא יאומן כי יסופר [וואס דער גרויסער גאון זצ"ל האט דאס באשריבן אין א ספעציעלן קונטרס מיטן נאמען "פרסומי ניסא", וואו ער לייגט אראפ אלעס וואס איז אריבער אויף אים אין די שרעקליכע צייט, און עס איז געדרוקט געווארןביים ענדע פון זיין ספר שו"ת מנחת יצחק חלק א', עיין שם]. – און דער רב פלעגט אנהענגען די זכות פון זיין רעטונג, אויך אין זכות פון דעם וואס ער האט מוותר געווען און האט מסכים געווען צו ענדיגן דעם שידוך כדי נישט צו מבייש זיין אן ערליכע אידישע טאכטער, אזוי ווי רחל אימנו בשעתה, וועלכע האט אנטפלעקט די סימנים פאר איר שוועסטער, כדי זי זאל נישט פארשעמט ווערן.

און נישט נאר דאס, נאר נאך אלע שוועריגקייטן וואס זענען אריבער אויף אים, און נאכדעם וואס ער האט חתונה געהאט דריי מאל דורכאויס זיין לעבן, איז נישט געבליבן פון אים נאך זרע של קיימא, נאר פון יענע פרוי מיט וועם ער האט חתונה געהאט די ערשטע מאל. וואס פון איר איז אים געבוירן געווארן זייער בן יחיד, הרה"ג מוהר"ר בעריש ווייס שליט"א, פון די חשוב'ע רבנים אין מאנטשעסטער, ענגלאנד, און דאס אלעס האט ער אנגעהאנגען אינעם זכות פון אט די גרויסע מצוה, וואס ער האט נישט געוואלט פארשעמען א אידישע טאכטער אויף קיין פאל.

פון דעם זאלן מיר זיך אויסלערנען, אויף ווי ווייט מען דארף אכטונג געבן אויפן כבוד פון אן אנדער איד, און ווי גרויס און פארכטיג איז דער שכר פון דער וואס פארמאכט זיך דאס מויל און שטארקט זיך און פארשעמט נישט זיין חבר ברבים, אויך ווען דער יצר רעדט אים איין אז יעצט וואלט געווען ריכטיג און פאסיג אים יא צו פארשעמען. – אזוי ווי עס זענען באוואוסט די ווערטער פונעם הייליגן מדרש אז פארן שכר פון אט די גרויסע מצוה פון רחל אימנו ע"ה וועט זיין די גאנצע גאולה העתידה, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין מדרש (פתיחא דאיכה רבתי, כד) אז אינדערצייט פון דער חורבן, האבן אלע הייליגע אבות און אמהות און די שבעה רועים פראבירט בעטן פאר כלל ישראל, און עס איז זיי נישט געגאנגען, און נאר רחל אימנו האט מצליח געווען אינעם זכות פון איר געוואלדיגן וויתור.

-> ♦ <-

הגאון רבי אברהם שענקער זצ"ל, איז געווען דער מחותן פון מורינו הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, און די רבנים הגאונים שליט"א לבית משפחת קאפשיץ, זענען אלע אייניקלעך פון אט דעם רבי אברהם זצ"ל, און פון רבי חיים זאנענפעלד זצ"ל. – זקני ירושלים פלעגן דערציילן, אז דער טעם פארוואס רבי אברהם האט זוכה געווען צו אזא וואונדערליכע און פראכטפולע גאלדענע קייט, פון אייניקלעך און אוראייניקלעך גדולי תורה און דיינים, דאס איז געווען וויבאלד דער גאנצער שידוך פון רבי אברהם, איז געטון געווארן מיט מסירות נפש און מיטן זיך מקריב געווען לכבודה של מצוה, און צו נישט מבייש זיין א אידישע טאכטער.

ומעשה שהיה כך היה. ביי איינע פון די חתונות וואס איז פארגעקומען אין יענע צייטן, האבן זיך די חתן און כלה נישט געטראפן ממש ביז צו די חופה. אזוי ווי עס איז געווען אן אפטע ערשיינונג בימים ההם, אז עס איז נישט געלונגען פארן חתן זיך צו זען מיט די כלה ממש ביז צו די חתונה, צוליב די ווייטקייט פון זייערע וואוין־ערטער. ווען עס איז געקומען ממש פאר די חופה, פלעגט זיך דער חתן זען מיט די כלה, כדי צו מקיים זיין די הלכה אז מען דארף זען די כלה איידער מען טוט די קידושין, אזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע גמרא (קידושין דף מא ע"א): "אסור לאדם שיקדש את האשה עד שיראנה, שמא יראה בה דבר מגונה ותתגנה עליו, ורחמנא אמר (ויקרא יט, יט) ואהבת לרעך כמוך".

ביי דעם חתונה, האט דער חתן נישט אנגעיאגט צו זען די כלה, נאר ממש אין די לעצטע מינוט, ווען מען האט שוין געהאלטן ביים ארויסגיין צו די חופה, וואס דעמאלטס איז די כלה שוין געזעצן אינעם ספעציעלן אויסגעצירטן שטול וואס מען האט צוגעגרייט באזונדער פאר איר חופה, זייענדיג אויסגעצירט מיטן הערליכן חופה קלייד און מיט די שיינע צירונגען כנהוג. ווען דער חתן איז אבער געקומען איר זען, האט ער געזען אז זי גייט אביסל הינקעדיג, און ער האט גלייך ערקלערט אז דאס איז געווען א 'מקח טעות' וויבאלד ער האט דאס נישט געוואוסט פון פריער, און דעריבער וויל ער נישט חתונה האבן מיט איר, און ווירקליך האבן זיך די מענטשן אנגעהויבן צו צושפרייטן מיט צער און ווייטאג.

ווען די כלה האט געזען אז דאס איז דער מצב, איז זי געווארן פארשעמט ביז צו די טיפענישן פון איר זעל, ווערנדיג אזוי צוקלאפט נאכן זיצן אויפן כסא המלכות. זי האט זיך גענומען וויינען מיט א שרעקליכן און שטורעמישן געוויין, און עס איז געווארן א גרויסן טומל אויפן ארט.

צווישן דער קהל וואס איז דארט געווען פארזאמלט צו די חופה, האט זיך אויך געפינען דער בחור 'אברהם שענקער', וואס דער געוויין פון די כלה און אירע שרעקליכע וויי־געשרייען האבן באריהרט זיין רחמנות'דיג הארץ. ער האט זיך גלייך אנגעטראגן אז ער איז גרייט צו חתונה האבן מיט איר, כדי זי זאל נישט זיין צו שאנד. זיינע עלטערן און אירע עלטערן האבן זיך שוין געקענט פון פריער, און נאכן זיך שנעל דורכרעדן צווישן זיך, האבן אלע צדדים מסכים געווען און מען האט געשריבן א נייע תנאים, און אזוי האט אברהם געראטעוועט דעם כבוד פון די כלה און איר גאנצע משפחה, און דערנאך האט מען געשטעלט חופה און זיי האבן חתונה געהאט כדת משה וישראל.

דעריבער איז זייער פארשטענדליך – פלעגן די זקני ירושלים באטאנען – אז פון אזא חתונה זענען ארויסגעקומען אזעלכע געהויבענע אייניקלעך, גדולי תורה ויראה, חשוב'ע רבנים און גדולי הדור, וואס באשיינען און באלייכטן דעם דור.

-> ♦ <-

מען האט אמאל געפרעגט אן אייניקל פון הגאון רבי אברהם שענקער זצ"ל, די רעבעצן קאפשיץ [אשת־חבר פון הרה"ג רבי הערשל קאפשיץ זצ"ל]: "וויאזוי

המשך אין עמוד ד' >|

 המשך פון עמוד ג' |

האסטו זוכה געווען צו אזעלכע חשוב'ע קינדער און גאונים, וועלכע שטייען אינעם מזרח־וואנט פון די רבנים פונעם דור"? [זי איז דאך געווען אמא של מלכות, די מאמע פון די ברידער הרבנים הגאונים שליט"א, רב פונעם 'נוה צבי' געגנט אין ירושלים עיה"ק, דער רב פון די 'נחלה ומנוחה' געגנט אין בית שמש ת"ו, און זייערע ברידער די גאונים שליט"א].

האט די מאמע געענטפערט די פאלגנדע פשוט'ע ענטפער: איך האב זוכה געווען צו זיי, ווייל איך האב געוואלט!

האבן אירע חבר'טעס ווייטער געפרעגט: נו, אונז האבן דאך אויך געוואלט גוטע און חשוב'ע קינדער, תלמידי חכמים – ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו גוטע קינדער???

האט זיי די חשוב'ע רעבעצן געענטפערט מיט איר קלוגשאפט: איר האט געוואלט 'אויך' גוטע קינדער, און אויך נאך עטליכע גוטע זאכן אין לעבן – פרנסה, א דירה, געלט א.ד.ג. אבער איך האב געוואלט, מיין גאנצן לעבן, נאר בלויז איין זאך: גוטע און ערליכע קינדער, תלמידי חכמים, ההולכים בדרכי השם! און נאר דערויף האב איך פארגאסן הארציגע תפילות מיין גאנצן לעבן, און איך האב מתפלל געווען בדמעות שליש אויף דעם, און נאר אויף דעם!

און עס איז דאך ידוע דער מאמר החכם, אז עס שטייט "אין דבר העומד בפני הרצון", און עס שטייט נישט "בפני הרצונות", נאר איין איינציגע אמת'ע און ריכטיגע רצון וואס געפינט זיך אין די טיפענישן פון הארץ!

-> ♦ <-

דער באוואוסטער גאון און צדיק רבי חיים וואלאזשינער זצ"ל האט געהאט א טאכטער וועלכע האט נישט געקענט אזוי גוט הערן, און רבי חיים האט איר זייער שטארק געוואלט חתונה מאכן צו א חשוב'ער בחור וועלכער איז געווען פון די עילויים און די אויסדערוועלטע בחורים פון ישיבה, וואס ער איז געווען א יתום פון זיין טאטע. ווען די מאמע פונעם בחור איז אמאל געקומען באזוכן איר זון אין ישיבה, האט רבי חיים געבעטן פון זיין רעבעצן אז זי זאל רעדן מיט די מאמע פונעם בחור, און איר מציע זיין דעם שידוך. די מאמע פונעם בחור האט זיך אבער שארף אפגעזאגט דערפון, און וויפיל מען האט זיך פראבירט בעטן ביי איר האט עס נישט געהאלפן, איז זי געבליבן ביי אירס אז זי האלט נישט ביים נעמען א כלה פאר איר זון, וועלכע קענען נישט הערן פולשטענדיג, און זי איז צוריק אהיימגעפארן.

ווי נאר די מאמע פון דער בחור האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, האט זיך צובראכן א רעדל פונעם וואגן, און ביז מען האט שוין ענדליך פארראכטן דעם ראד האט זיך נאך א רעדל צובראכן, און אזוי האט זיך אלץ געמאכט שטערונגען איינס נאכן אנדערן, ביז די מאמע האט פארשטאנען אז אוודאי שטעקט דערין דער כח פון רבי חיים. איז זי צוריקגעפארן קיין וואלאזשין און זי האט געזאגט צו רבי חיים: רבי, קען מען דען גיין מיט כח ביי אזא זאך? האט רבי חיים געזאגט צו איר: צָדְקָה מִמֶּנִּי! און אויב זי וויל נישט דעם שידוך וויל ער עס אויך נישט. און זי איז אהיימגעפארן בשלום.

א שטיק צייט שפעטער, האט רבי חיים געשיקט זיין רעבעצן אז זי זאל פארן צו די שטאט וואו די מאמע פון דער בחור האט געוואוינט, און זי זאל איר פרעגן אויב זי איז מעגליך יעצט מסכים צום שידוך, און אויב זי איז מסכים – קען מען ענדיגן דעם שידוך אויך אן זיין אנוועזנהייט. די רעבעצן האט געטון אזוי ווי איר מאן האט איר געהייסן און זי איז געפארן צו די שטאט וואו די מאמע האט געוואוינט, און האט מציע געווען נאכאמאל דעם שידוך פאר די מאמע פונעם בחור. צו איר גרויס וואונדער, ווי נאר זי האט פאַרגעלייגט דער זאך, האט די מאמע גלייך מסכים געווען, און מען האט גלייך געענדיגט דער שידוך און גע'חתמ'עט די תנאים צווישן זיי.

ווען די רעבעצן האט זיך צוריקגעקערט מיט די גוטע בשורה, האט זי געפרעגט איר מאן, פון וואו ער האט געוואוסט אז יעצט וועט זי יא מסכים זיין צו דער שידוך, דערנאך וואס זי האט זיך אזוי שטארק קעגנגעשטעלט דערצו. האט איר רבי חיים ערקלערט מיט זיין חכמה: מיר האבן געלערנט אין פרקי אבות (פרק ב' משנה ד'): "בטל רצונך מפני רצונו, כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונך". אין אנהייב, ווען איך האב געזען אז זי איז בשום אופן נישט מסכים, האב איך מבטל געווען מיין רצון פארן רצון פון השי"ת, און איך האב מוותר געווען אויף די הצעה. און יעצט האב איך שוין געוואוסט אז יעצט וועט שוין השי"ת מבטל זיין אויך די רצון פון אנדערע, און די מאמע וועט מסכים זיין צו די הצעה.

-> ♦ <-

הגאון בעל באר אברהם זצ"ל, איז א חתן געווארן מיט די טאכטער פון איינער פון די חשוב'ע בעלי בתים אין זיין שטאט. א קורצער צייט פאר די חתונה איז די כלה פלוצלונג געווארן טויב ל"ע, אבער איר טאטע האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט דערפון, און האט ווייטער פארגעזעצט מיט די צוגרייטונגען צו די חתונה ווי געווענליך, און געמאכט די חתונה אן עפעס צו דערציילן.

אויפצומארגנס פון די חתונה, האט דער 'באר אברהם' געכאפט אז זיין ווייב איז טויב, איז ער צוגעגאנגען צו איר טאטע און אים געפרעגט: איז עס ריכטיג אז דיין טאכטער די כלה איז טויב? דער טאטע איז זייער דערשראקן געווארן און האט נישט געוואוסט וואס צו טון. האט דער חתן אים בארואיגט, און ערקלערט אז ער האט נישט וואס מורא צו האבן, ווייל ווי מיר זעען איז דאס זיין זיווג מן השמים און ער וויל איר נישט גט'ן חלילה, נאר ער האט א שאלה אויף די קידושין צו עס איז נישט קיין קידושי טעות, און מעגליך דארף ער איר מקדש זיין נאכאמאל.

און אזוי האט ער געלעבט זיין גאנצן לעבן מיט זיין טויבע ווייב, כדי נישט צו פארשעמען א אידישע טאכטער! ער האט געגלייבט אין השי"ת, אז אויב האט ער אים געגעבן דעם זיווג, איז דאס זיין ווייב, און ער איז מקבל דער דין באהבה!

-> ♦ <-

הרה"ק דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל בעל דברי חיים, האט געליטן זיין גאנץ לעבן פון א קראנקע פוס, און אויך נאכן גיין צו די בעסטע דאקטוירים איז ער נישט אויסגעהיילט געווארן דערפון, און ער איז געגאנגען אביסל הינקעדיג. ווען ער האט געדארפט ווערן א חתן, האט מען גערעדט פאר אים א שידוך מיט די טאכטער פונעם לייפניקער גאון בעל "ברוך טעם" זצ"ל, וועלכער האט אים שטארק געוואלט פאר א חתן, וויבאלד זיין נאמען איז שטארק ארויסגעגאנגען לשם ולתהלה מיט זיין געוואלדיגע גאונות און ערליכקייט. דער הייליגער צאנזער רב איז געלאדנט געווארן קיין לייפניק, וואו דער הייליגער ברוך טעם האט געוואוינט, כדי צו ענדיגן דעם שידוך.

ווען די מדוברת האט אים געזען, האט זי באמערקט אז ער גייט הינקעדיג, אויסערדעם וואס ער איז אויך געווען נידעריג, און ער האט נישט געפינען חן ביי איר, און דעריבער האט זי געזאגט אז זי וויל אים נישט, און דער הייליגער ברוך טעם האט נישט געוואוסט וואס צו טון.

האט רבי חיים געבעטן אז ער וויל זיך טרעפן מיט די מדוברת פאר א קורצע באגעגעניש, און מען האט מסכים געווען.

ווען די מדוברת האט זיך געטראפן מיט אים, האט רבי חיים איר געבעטן אז זי זאל קוקן אינעם שפיגל וואס האט דארט געהאנגען. ווי נאר זי האט געקוקט אויפן שפיגל, איז זי זייער דערשראקן געווארן, וויבאלד זי האט זיך אליין געזען ווי זי זעט אויס זייער שרעקליך, פול מיט קרענק מיט א פארוואונדעטע פוס, און זי האט אנגעהויבן צו וויינען. – האט איר רבי חיים בארואיגט, און האט געזאגט צו איר: וויסן זאלסטו, אז פון אנהייב זענען טאקע די אלע יסורים, אויף וועלכע איך לייד, נגזר געווארן אויף דיר, נאר איך האב גענומען די אלע יסורים אויף מיר, מדין "אשתו כגופו" (ברכות דף כד ע"א), וויבאלד איך האב געוואוסט אז דו ביסט מיין זיווג. אבער יעצט, אויב ווילסטו נישט דעם שידוך, פאלט אוועק דעם מעגליכקייט אז איך זאל ליידן אנשטאט דיר, און דו וועסט אליין באקומען אט די יסורים.

תיכף ומיד האט די מדוברת מסכים געווען, און מען האט אויסגעפירט דעם שידוך אין א מזל'דיגע שעה.

-> ♦ <-

עס איז געווען אמאל א מעשה מיט א בחור, וואס יעדער שידוך וואס מען האט אים מציע געווען האט ער עס אפגעזאגט, ערקלערנדיג אז עס פאסט נישט פאר זיין דרגה... דאס איז נישט צוגעפאסט פאר מיין משפחה, און יענע איז נישט פאסיג לויט מיין מדריגה אין יראת שמים... און אזוי ווייטער.

איינמאל האט דער הייליגער חזון איש זצ"ל, געשיקט מציע זיין פאר אים א שידוך פון א גרושה, אדער א מיידל וואס הינקעט, ווייל וויבאלד ער איז שוין אן עלטערער בחור זאל ער באשליסן וועלכע פון די צוויי איז מער פאסיג פאר אים... דער שליח האט אבער ערקלערט, אז ער שעמט זיך דאס פאַרצולייגן פארן בחור, וויבאלד דער בחור וועט ווערן שטארק באליידיגט, אז מען איז אים מציע אזא מאדנער שידוך. אבער דער חזון איש האט אים געזאגט: זאג אים, אז איך האב דיר געשיקט!

דער שליח האט טאקע געטון זיין שליחות, און באלד דערנאך איז דער בחור א חתן געווארן מיט א געווענליכע געזונטע מיידל פון א געווענליכע שטוב, בשעה טובה ומוצלחת.

האט דער הייליגער חזון איש ערקלערט, אז דער פירונג פונעם בחור איז געווען צוליב גאוה, וויבאלד דער בחור האט זיך געהאלטן פאר אן עילוי און זיך אנגעקוקט ווי איינער פון די בעסטע בחורים אין ישיבה, און דעריבער האט ער אוועקגעשטופט יעדע הצעה וואס איז אנגעקומען צו אים. אבער ווען ער איז עלטער געווארן, און האט געזען וואספארא הצעות עס קומען אן צו אים, א גרושה אדער א הינקעדיגע... האט עס אים אראפגעדרייט פון די **פארשטינקענע גאוה**, און ממילא האט ער שוין צוגעשטימט צו א געווענליכע הצעה... וְהָיָה לְפֶלֶא.




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173